**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 3 מיליאן דאלאר אין ערהוילונג געלטער דא צו באקומען פאר אראנדזש קאונטי היים אייגנטימער**

***נאכפאלגנדיג היסטארישע פארפלייצונגען, אנאנסירט די גאווערנער אז בארעכטיגטע היים אייגנטימער קענען באקומען ביז $50,000 פאר קריטישע פאררעכטונגען***

***גאווערנער אפלייט פאר FEMA 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע נאכפאלגנדיג מער פון 50 מיליאן דאלאר אין שאדנס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ביז אזויפיל ווי 3 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וועלן זיין צו באקומען פאר בארעכטיגטע היים אייגנטימער אין אראנדזש קאונטי וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען פון די לעצטיגע היסטארישע רעגנס. די סטעיט געלטער וועלן צושטעלן עמערדזשענסי פאררעכטונג גרענטס פון ביז אזויפיל ווי $50,000 פאר קריטישע היים פאררעכטונגען פאר היים אייגנטימער וועלכע האבן געליטן שאדנס צו זייער הויפט וואוינונג דורכאויס לעצטע וואך'ס פארפלייצונגען וואס זענען געווען אויף א פארנעם וואס געשעהט אמאל אין 1,000 יאר.

"נאכפאלגנדיג די היסטארישע קאטאסטראפע וואס האט באטראפן אראנדזש קאונטי, בין איך פארפליכטעט צו שטיצן די קאמיוניטי יעדע טריט פון די וועג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט מאנשאפטן האבן געארבעט ארום דעם זייגער צו העלפן אראנדזש קאונטי זיך צוריק בויען און ערהוילן, פונעם פאררעכטן שאסייען און בריקן ביז העלפן היים אייגנטימער מיט די אינציאטיוו. מאכט נישט קיין טעות: די עקסטרעמע וועטערן זענען אונזער נייע נארמע, און ניו יארק וועט שטענדיג זיין גרייט פאר וואס אימער קומט צו אונז."

די עמערדזשענסי גרענט געלטער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן דעקן שאדנס וועלכע זענען געשעהן צו א הויפט וואוינונג פון היים אייגנטימער וועלכע קומען נאך די איינקונפט כללים פון דעם פראגראם. ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) וועט אויפזעהן איבער דעם פראגראם וואס וועט פארטיילט ווערן דורך די 'שטעטלישע דעוועלאפמענט אדוויייזארי קערפערשאפט' (Rural Development Advisory Corporation, RDAC), אן אראנדזש קאונטי-באזירטע נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציע און אן אונטערגעווארפענע קערפערשאפט צו RUPCO Inc.

היים אייגנטימער קענען אפלייען צו באקומען פינאנצירונג צו דעקן די קאסטן פון דרינגנדע פאררעכטונגען וואס זענען נויטיג צו ברענגען זייערע וואוינונגען צו א זיכערע און וואוינבארע צושטאנד. בארעכטיגט ארבעט קען אריינרעכענען פאררעכטן אדער ערזעצן עלקטרישע און פלאמבינג סיסטעמען, הייצונג סיסטעמען און אפלייענסעס, די פאדלאגעס, 'דרייוואָל', אינסולעישען, פענסטער, טירן, סיידינג און דעכער.

א פולע ליסטע פון פאררעכטונגען וואס זענען קוואליפיצירט וועט פארעפנטליכט ווערן אויף די RUPCO וועבזייטל.

גרענטס פון ביז $50,000 וועלן פארטיילט ווערן באזירט אויף די ארבעט פארנעם וואס ווערט באשטעטיגט דורך RDAC. אפליקאנטן מוזן זיין היים אייגנטימער וועמען'ס הויפט וואוינונג איז אין ארואנדזש קאונטי און וועמען'ס איינקונפט איז אזויפיל ווי 80 פראצענט אדער מער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

בארעכטיגטע היים אייגנטימער קענען אפלייען פאר פינאנצירונג אויף www.rupco.org אדער דורכן רופן 713-4568 (845) עקסטענטשען 114 פאר מער אינפארמאציע.

דורכאויס די פארפלייצונגען האט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אקטיווייזירט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער (State Emergency Operations Center, SEOC) און די פייער אפעראציעס צענטער (Fire Operations Center, FOC). די DHSES האט געהאט איינגעשטעלטע וועלכע זענען באאויפטראגט געווארן צו ארבעטן צוזאמען מיט אראנדזש קאונטי'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער און מיט אָנטאַריאו קאונטי'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער. די סטעיט האט ארויסגעשיקט א סך הכל פון פינף שנעלע וואסער רעטונג מאנשפאטן וועלכע באשטייען פון סטעיט פייער, סטעיט פאליציי און סטעיט פארקס איינגעשטעלטע, און אזוי אויך הויכע טרעקלעך צו די מיד-האדסאן און פינגער לעיקס ראיאנען. נאכפאלגנדיג די פארפלייצונגען האט די גאווערנער פארלאנגט א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פון די פעדעראלע רעגירונג. די DHSES זעצט פאר צו ארבעטן מיט קאונטי פירער צו דורכפירן נויטיגע שאדן אפשאצונגען און דאקומענטאציע צו פארזיכערן נאך פעדעראלע הילף. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) האט אויך געשיקט איינגעשטעלטע צו אראנדזש און ראקלענד קאונטיס צו גיבן הילף מיט אינשורענס פאר איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די לעצטיגע פארפלייצונגען.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז מזל'דיג צו האבן א פירערין ווי גאווערנער האקול וואס פארשטייט אז די קאמף קעגן קלימאט טויש פארלאנגט לאנג-טערמיניגע סטראטעגיעס און אזוי אויך די מעגליכקייט צו קענען אונטערנעמען באלדיגע שריט ווען קאמיוניטיס ווערן אטאקירט דורך די נאטור. די פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן וועט שפילן א וויכטיגע ראלע ביים זיכער מאכן אז די היים אייגנטימער אין אראנדזש קאונטי האבן די נויטיגע מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען צוריקבויען זייערע לעבנס. מיר באדאנקען די שטעטלישע דעוועלאפמענט אדווייזארי קערפערשאפט פאר זייער אנגייענדע שותפות און פארן שטיין גרייט צו העלפן פאמיליעס וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די פרעצעדענטלאזע וועטער אינצידענטן."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופּיס האט געזאגט,** "לעצטע וואך'ס פארפלייצונגען און חורבנות זענען געווען פון די ערגסטע וואס אראנדזש קאונטי האט געזעהן, און די וואלונטירן און בייגעשטייערטע הילפס-מיטלען וועלכע פליסן אריין אין אונזערע קאמיוניטיס דערווארעמען די הארץ, אבער מיר ווייסן אז מער איז נויטיג צו אדרעסירן די עקסטרעמע פארלוסטן פון פערזענליכע פארמעגנס וואס פילע זענען אריבער. איך אפלאדיר די גאווערנער'ס מיהען צו ברענגען עמערדזשענסי פינאנצירונג צו די הענט פון לאקאלע היים אייגנטימער וועלכע דארפן דאס די מערסטע, און איך רוף אויף FEMA צו אנערקענען די פארנעם פון די פארלוסטן וואס אונזערע קאמיוניטיס זענען אריבער און צו זאפארט דעקלערן א 'מעידזשאר דיזעסטער'."

**אסעמבלי מיטגליד קריס איקוס האט געזאגט,** "די שטורעם פון א פארנעם וואס געשעהט אמאל אין טויזנט יאר האט אנגעזייט אומבאגרייפליכע שאדן צו די קאמיוניטיס אין מיין דיסטריקט. עס איז יעצט וויכטיגער פון סיי ווען צו ארבעטן צוזאמען אלץ א סטעיט צו ארויסהעלפן די וועלכע זענען אין די גרעסטע נויט, פינאנציעל, פיזיש און עמאציאנאל. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן ארויסגעבן די קריטישע געלטער וועלכע וועלן האבן א ריזיגע השפעה אין אונזערע פארלייכטערונג באמיאונגען און וועלכע וועלן דירעקט העלפן די ביגער פון מיין דיסטריקט צו צוריק אויפבויען זייערע לעבנס נאך שטערקער פון בעפאר."

**אראנדזש קאונטי עקזעקיוטיוו סטיווען מ. ניוהאוז האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט ברענגען א גרויסע בענעפיט פאר באטראפענע פאמיליעס אין אראנדזש קאונטי. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן זיין דא אויפן שטח מיט אונז און פארן פארטיילן די וויכטיגע הילף. מיר וועלן פארזעצן צו שטופן די פעדעראלע רעגירונג צו צושטעלן די נויטיגע פינאנצירונג צו קענען פולשטענדיג צוריק אויפבויען שטערקער פון בעפאר."

**אראנדזש קאונטי שטעטלישע דעוועלאפמענט אדווייזארי קארפערשאפט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, פעיט מוּר, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל פאר זייער ברייטהארציגע ביישטייערונג פון 3 מיליאן דאלאר. די פינאנצירונג וועט אונז ערמעגליכן צו שטיצן היים אייגנטימער וועלכע זענען אפעקטירט געווארן פון די שרעקליכע לעצטיגע פארפלייצונגען. מיר קענען נישט ווארטן צו העלפן מענטשן און פאמיליעס צוריק אויפבויען זייערע לעבנס און קאמיוניטיס, און די גרענט וועט האבן א באדייטנדע השפעה ביים ערגרייכן די ציהל. די מאנשאפטן פון RDAC און RUPCO ארבעטן אקטיווערהייט צוזאמען מיט לאקאלע אויטאריטעטן, קאמיוניטי שותפים און פארמישטע פארטייען צו טרעפן בארעכטיגטע היים אייגנטימער און אנהויבן דעם גרענט אפליקאציע פראצעדור."

**CEO o'RUPCO Inc., קעווין אָוקאַנאר, האט געזאגט,** "עס איז אונז א פארגעניגן צו קענען העלפן ניו יארק סטעיט זיך אפרופן צו די שרעקליכע שאדן וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך די לעצטיגע פארפלייצונגען אין חלקים פון אראנדזש קאונטי. אונזער אפיליאירטע קערפערשאפט, די RDAC, קען אראפגיין אויפן שטח מיט די אפעקטירטע היים אייגנטימער, ערפארן מיט היים פאררעכטונגען און מיטן פארטיילן קאטאסטראפע ערהוילונג געלטער. די צייט איז קריטיש, און מיר האבן בכוונה צו שנעלערהייט פארטיילן די געלטער צו העלפן מענטשן אויפרעכטן זייערע היימער און צוריקגיין צו א סטאבילע לעבן."

###